STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04614

LIDER

Leyb Rubinlikht

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לייב רובינליכט

☆

ל י ד ע ר



לייב רובינליכט

לידער

תל־אביב תשל״ג — 1973

לייב רובינליכט

ל י ד ע ר

פאַרלאַג „ניי־לעבן"

געדרוקט אין ישראל

תל־אביב תשל"ג — 1973

דפוס „אור" בע"מ ת"א, שד' הר־ציון 104. טל. 822481

קדיש

ווּ, ווען און ווי אַזוי?

ווּ געפינט מען אַזאַ בית-הקברות,
אַז איך זאָל קענען קומען אויף קבר-אָבות,
מאַכן אַן אַל-מלא-רחמים אייך אומגעבראַכטע,
זאָגן אַ קדיש אייך געשענדטע און פאַרשוואַכטע,
אַ תפילה אויסוויינען און אויך אַ טרער,
נאָך אייך קדושים, וואָס זענט מיט אונדז נישט מער?

ווען זאָל איך צינדן יאָרצייט-ליכט,
אַז יאָרצייט כ'האָב אַ רונדיק יאָר?
די — אין זומער הינגעריכט,
די — פאַרברענט אין ווינטער גאָר
אַנדערע אין פּיין און פּלאָג
פאַרטיליקט אין אַ פרילינגטאָג.

ווי אַזוי דעם יאָרצייט ערן?
צו ווייניק ליכט, צו ווייניק טרערן.
פון אַלע הימלען אַלע שטערן
וועלן נאָך אייך ליכטלעך ווערן —
יאָרצייט-ליכטלעך נאָך קהילות,
אָן קברים, יאָרצייטן און תפילות.

קדיש

איך וויל אַ קדיש זאָגן דיר,
נאָר איך קען נישט טאַטע מיין,
כאָטש איך ווייס, געחלומט האָסט,
איך וועל דיין קדיש־זאָגער זיין.

ווי קען איך זאָגן יתגדל,
אַז ער האָט זיין נאָמען אליין
דערנידריקט און פאַרשוואַכט?

ווו איז געווען זיין גדלות,
ווען מען האָט זיין עם־ישראל
אין טרעבלינקע אומגעבראַכט?

ווי קען איך זאָגן יתקדש,
אַז ווען מען האָט זיינע
הייליקייטן פאַרשפּיגן,

האָבן די הימלען נישט געדונערט
נאָר גאָר געשיינט און ער, ער
האָט געקוקט און האָט געשוויגן?

טאָ זיי מיר מוחל, טאַטע מיין,
אַז איך זאָג קיין קדיש מער.
זאָל אַ קדיש פאַר דיר זיין
מיין ווייטיק און מיין טרער.

איך בין מוחל **דיר** דיין מתנה

איך טראָג דאָס לעבן מיינס, ווי אַ שווערע לאַסט,
פון וועלכער מען וויל זיך שנעל באַפרייען.
עס פרעסט דער ווייטיק טיף מיין האַרץ
און פון ווייטיק ווילט זיך פּשוט שרייען.

מיט וואָס האָב איך מיר דאָס דען פאַרדינט —
כ׳בין גאַנץ אַרוים פון זייערע הענט?
און וואָס געווען איז אייער זינד,
אַז אייך מען האָט פאַרסמט געברענט?

פאַר וועלכע מעשים־טובים דען
האָב איך אַ טויט אַזאַ געמיטן
און אייך, די טייערע, אָן שולד —
מען האָט אַכזריותדיק פאַרשניטן?

טאָ זייט מיר מוחל, ברידער, שוועסטער,
וואָס איך גראָד בין געבליבן לעבן.
אים כ׳בין מוחל פונעם האַרצן,
זיין מתנה מיר געגעבן.

מיין נישט־געטרייסטער טרויער

אַ מצבה שטעלן האָב איך דיר געוואָלט,
נאָר האָסט קיין קבר, קינד.
די ביינער דיינע האָבן זיי פאַרברענט
און דאָס אַש געשענקט דעם ווינט.

האָט דער ווינט דאָס אַש צעטראָגן
אויף אַלע וועלט־עקן ;
נישט געווען באַשערט דיר, קינד,
עס זאָל די ערד דיין גוף צודעקן.

הער איך, קינד אין יעדן ווינט
דיין יאָמער, דיין געוויין ;
און מיט מיין נישט־געטרייסטן טרויער —
בין איך איצט דיין מצבה־שטיין.

די פאַרוויאַנעטע בלום — מיין קינד

אין דעם ים פון מיינע שפילעוודיק-זינגענדיקע טענער
האָט אַ בייזע כוואַליע דעם שענסטן ניגון מיר פאַרשלונגען.
איז מיין ים געוואָרן אָרעמער, איינגעשרומפּן — קלענער
און מיין ליד — פאַרשטומט, געבליבן נישט דערזונגען.

אין דער וועלט פון מיינע שימערירנדיקע קאָלירן
האָט אַ כמאַרע פאַרטונקלט מיר דעם הימל-בלאָ,
און מיין וועלט האָט אָנגעהויבן אירע שיינקייטן פאַרלירן
און פאַרשלייערט זיך מיט אַ טרויריק-פאַרנעפּלדיקן גראָ.

אין מיין גאָרטן פון די דופטיק צאַרטע בלומען
איז די שענסטע בלום פאַרוויאַנעט מיר געוואָרן.
האָט אַ בלאַסער טרויער די שיינקייט דורכגענומען
און מיין גאָרטן האָט איר דופטיקייט פאַרלוירן.

זינגען, קלינגען ווייטער טענער,
נאָר זיי דערגייען נישט מיין אויער.
שימערירן ווייטער די קאָלירן,
נאָר מיין אויג צו זיי איז בלינד.

מיין וועלט פאַרזונקען איז אין ווייטיק און אין טרויער,
זייט עס איז אַוועק פון מיר מיין קינד.

דער צעקרימטער סדר

עס איז דער סדר פון דער וועלט,
אַז טאַטע־מאַמע קינדער האָבן.
שפּעטער שטאַרבן זיי אַוועק —
און די קינדער טוען זיי באַגראָבן.

נאָר ווײַ, דער סדר האָט צעקרימט זיך,
צעטרייסלט אים אַ בייזער ווינט,
אַז נישט אַ קינד די טאַטע־מאַמע,
נאָר זיי באַוויינען זייער קינד.

אַן אומגליק און אַ בראָך אַזאַ,
האָט מיין גורל מיר געגעבן.
איך וועל דיך, קינד מיינס, נישט פאַרגעסן,
ביז דעם לעצטן אָטעם פון מיין לעבן.

די טמאים האָבן דיך געשאָכטן.
נישט געשטאָרבן ביסט ווי יעדער.
איך, דיין טאַטע, האָב דיך באַגראָבן.
און נישט ווי ס׳איז פון וועלט דער סדר.

קאָשמאַרן

יאָר נאָך יאָר, נאַכט נאָך נאַכט,
פון גיהנום צוגעטראַכט,
קאָשמאַרן קומען אָן אַ סוף
פאַרפּאָלגן, מאַטערן אין שלאָף.

ווידער געטאָ. שטוב אין פלאַמען.
אין אויפגעפּראַלטע פענצטער־ראַמען
מיין ברענענדיקע מאַמע.

שפּרינג! — שריי איך — האָב נישט קיין מורא! —
זי שפּרינגט גלייך מיר אין מיינע הענט,
מיט איר — די ברענענדיקע ווענט.

צוזאַמען מיט מיין מאַמען
איך ווער פאַרברענט.

אומשלאַגפּלאַץ.
דער לעצטער וועג.
די לעצטע האָפענונג אַוועק.
געבליבן יאוש, פיבער, שרעק.

שפּרינג! האָב נישט קיין מורא, זון!
דאָס לעצטע וואָס דו שטעלסט אין קאָן!
שפּרינג נאָך מיר, דורך אויסגעזעגטע קראַטן!

איך שפּרינג אין קאַלטער פינצטערניש
און פאַל אויף טויטן גוף פון טאַטן.

— — — — — — — — — — — —

דאַנקבאַר כ׳בין דיר, מאָרגנשיין —
דו וועקסט מיך אויף פון שלאָף,
דאָס לייזט מיך אוים פון פּיין,
באַפרייט מיך פון קאָשמאַרן־שטראָף.

☆

פאַרשלאָסן האָט דער הימל זיינע פענצטער,
אויף אַלע ריגלען פאַרריגלט זיינע טויערן.
נישט געלאָזט אַפילו אַ שפּאַרונע די קלענסטע
דער יאָמער זאָל דערגיין צו גאָטס אויערן.

נישט דערגאַנגען זענען אייערע טרערן.
די תּפילות נישט געוואָרן דאָרט דערהערט.
הענגען זיי אין חלל אין אַ לערן,
צווישן הימל און דער בלוטנדיקער ערד.

ביים ווידוי־זאָגן פלעגט איר אַלץ נאָך גלויבן,
אַז ס׳קאָן דער נס פון אויבן באַלד נאָך קומען.
און ביז דער גסיסה פלעגט איר ווייטער לויבן
זיין ליבן און דערבאַרעמדיקן נאָמען.

ווי אויף צו שפּאַס, צום לעצטן וועג,
האָט גאָט געשאָנקען זומערטעג.
געשטראַלט די זון האָט אַ צעלאַכטע,
געבליט די וועלדער אויפגעוואַכטע,
און דופט מיט שווישטש־צונויפגעפלאָכטן,
און ביי געזאַנג פון פאַרב און קלאַנג,
מיין פאָלק, מען האָט דיך אויסגעשאָכטן.

קינס שאַנדפלעק

עס האָט דער גלאָק גערופן אונדז
צום אַפּעלפּלאַץ צו גיין.
אָט שטייען מיר קאַצעטלער־לייט,
שוין אויסגעשטעלט אין ריי.

מיר ווייסן, עפּעס שרעקלעכס דאַרף,
אָדער ס׳איז געשען.
נאָר טאַקע אָט דאָס שרעקלעכע,
זיי ווילן, מיר זאָלן זען.

שוין אַוועק די שיין פון טאָג,
די נאַכט איז שוין פאָריבער.
און די רייען שטייען נאָך
אין קעלט, אין נעץ אין פיבער.

גענומען האָט דער הימל גראָען,
מ׳האָט זיי געברענגט צו פירן.
קוים געגאַנגען זענען זיי,
אַ פוס געקאָנט קוים רירן.

געווען זענען בחורים צוויי,
אַ מיידל — צוזאַמען דריי.
די שולד פון זיי?
געוואָלט דאָס לעבן און די פריי.

אויף צוויי פון צוגעגרייטע תליות,
די בחורים הויכן אוים די נשמה.
דאָס לעצטע וואָרט פון איינעם: „מאַמע״,
פון צווייטן — „נעמט אין זיי נקמה״.

איצט געקומען איז די ריי,
אויף דער לעצטער פון די דריי,
דעם מיידל.
צוויי זעלנער פון די זייטן,
דאָס מיידל אין דער מיטן.
אויף ביידע הענט פון איר
די אָדערן צעשניטן.

דאָס בלוט טריפט פון די פינגער
און צייכנט איר וועג דעם שווערן.
אַזוי געברענגט זיי האָבן זי
צום אַפּעלפּלאַץ דעם לערן.

אַ חזיר-פעטער דייטש,
באַוואָפנט מיט אַ פייטש,
האָט שאַרף זי אָנגעקוקט,
דעם קאָפּ געשאָקלט און געזאָגט:

„איין היבשעם מעדכען.
הענגען איסט דאָך שאַדע.
דו געניסט פאָן אונדזער גנאַדע.

אים נאָמען דעם פירערס, פּאַססע איך דען באַשלוס,
דו ווירסט נון בעשענקט מיט איינען גנאַדע־שוס!
דאַס מאַכען וויר מאָרגען ביים זאָנענשיין.
וואַס זאַגסט דאַצו, דו הורעליין?

ש ו ו י י ן!
זייט פאַרשאָלטן איר, תלינים!
אַ פּאַטש
אויפן חזיר־דייטשס פּנים.

אַ קויל האָט פאַרשניטן דעם מיידלס לעבן.
עס ליגט אין בלוט איר גוף, און דאַנעבן,
שטייט דער דייטש, אין האַנט די פייטש
און שמייכלט.
אויף זיין פּנים אַ בלוטיק־רויטע פלאַך
פון מיידלס האַנט,
אויף אייביק געשטעמפּלט
מיט קינס פלעק פון שאַנד.

חלומות בייזע

חלומות בייזע,
איר קומט אין די שעהען פון שלאָף.
וואָס מאַטערט איר,
ווי אַ שווערע שטראָף?

אָט ברענגט איר מיך ווידער
צום געטאָ־טויער,
אָט שליסט אוישוויץ ווידער
הינטער מיר זיין טויער.

אָט שפרינג איך באַלד
פון לויפנדיקע באַנען,
און ווידער וואַלד,
זומפּן, פּאַרטיזאַנען.

און ווידער טרערן,
יאָמער, קלאָגן.
דייטשן, פּייטשן,
קלעפּ און שלאָגן.

ימען פלאַמען,
בלוט און קויט.
קאַמפּן, קראַמפּן,
גסיסהס, טויט.

וואַרשע, שטאָט פון מיין געבוירן

כאָטש כ׳האָב דיך ליב, שטאָט, מיין וואַרשע,
אויף אייביק ביסט פאַר מיר פאַרלוירן.
כ׳וואָלט איצט וועלן דיך פאַרגעסן,
כאָטש אין דיר בין איך געבוירן.

איך וויל פאַרגעסן אַלע יאָרן,
וואָס כ׳האָב מיט דיר אַ מאָל פאַרבראַכט.
געלינגט דאָס מיר שוין אין די טאָגן —
מאַטערסט דו אין שלאָף ביי נאַכט.

ווי קאָן איך דיר דען מוחל זיין?
דיין האַרץ געבליבן איז פאַרמאַכט
ווען דיינע בירגער, דיינע גויים,
האָבן דיינע יידן אומגעבראַכט.

און ווען עס האָט געברענט דאָס געטאָ
מיט מיינע שוועסטער, מיינע ברידער,
אויף יענער זייט פון געטאָ־מויער,
געזונגען האָבן גויים לידער.

איז כאָטש איך האָב דיך ליב, מיין וואַרשע,
דו שטאָט פון מיין געבוירן,
טראָג איך אויף דיר אין האַרץ אַ ווייטיק —
אויף אייביק ביסט פאַר מיר פאַרלוירן.

אַ חלום

עס ווילט זיך מיר איינשלאָפֿן רויק,
פֿאַרגעסן אַלץ וואָס ס'איז געשען.
עס ווילט זיך מיר אָנהייבן גלויבן,
אַז אַלץ איז אַ חלום געווען.

אַ חלום — די זעקס יאָר מלחמה,
די זעלנער צום חלום געהערן.
אַ חלום — די קברים די פֿרישע,
דער מאַמעס פֿאַרגאָסענע טרערן.

אַ חלום — אויף גאַסן פֿון וואַרשע
מיט „הייל" הייבן דייטשן די הענט,
אַ חלום — די זעלביקע דייטשן.
וואָס האָבן מיין וואַרשע פֿאַרברענט.

אַ חלום געווען איז דאָס געטאָ,
טרעבלינקע — אַ חלומשער רושם,
און בעלזשעץ איז קיין מאָל געווען,
אַ חלום — מיליאָנען קדושים.

אַ חלום — דער אויפֿשטאַנד אין געטאָ,
אַ חלום די גבורה און מוט.
אין חלום איך זע, אויף די גאַסן
געפֿאַלענע העלדן און בלוט.

אַ חלום — דאָס שפּרינגען פון פענצטער,
אַ חלום — דאָס געטאָ אין פלאַמען,
און אונטער די חורבות די טויטע
באַגראָבן אַלע צוזאַמען.

אַ חלום געווען דער „קאַצעט"
דער הונגער, דאָס שלאָגן, די שרעק.
דער ציטער, דער פּחד, דער יאוש,
אַז פּיין וועט נישט נעמען קיין עק.

אַ חלום — פון שיידונג דער ווייטיק,
די טרערן פון אייביקן בענקען.
אַ חלום — נישט קאָנען פאַרגעסן,
און מוזן דערמאָנען, געדענקען.

היינט וויל איך, אַז ווייטיקן מיינע,
אין חלום זיך זאָלן פאַרווישן.
און זאָל מיר מאַרפעאוש די אויגן
באַדעקן מיט געטלעכע קושן.

פון טרערן וועבן כ׳וועל אַ תפילה

טויזנט מאָל אַ יעדן טאָג
דו קומסט מיר, מאַמע, אויף מיין זינען.
טויזנט מאָל אַ טאָג איך קלאָג
און טרערן קייקלען זיך און רינען.

אויב מיין ווייטיקדיקע בענקשאַפט,
וואָס באַגלייט מיך אין מיין לעבן,
דאַרף זיין דער אָפּצאָל פאַר דער ליבשאַפט,
וואָס דו האָסט, מאַמע, מיר געגעבן,

דאַן נעם איך אָן מיין ווייטיק
פאַר ליב און ווי אַ טרייסט אַ שטילע.
און פון די טרערן, ווי מיט אותיות,
כ׳וועל וועבן דיר אַ דויער-תפילה.

אין די טעג פון טרערן־טריקעניש

אָפּט מאָל דאַכט זיך מיר אויס,
אַז איך קאָן שוין נישט וויינען מער.
אַז אויסגעטריקנט עס האָט דער צער,
דעם קוואַל ביז דער לעצטער טרער.

אין טעג פון טרערן־טריקעניש,
ווערט נאָך שווערער צו טראָגן דעם אומעט.
ווייל אויב מיין טרער איז אַ קדיש־זאָגעניש,
פאַרלעש איך דאָך אַליין דעם נר־תמיד.

און אויב שוין אַ טריקעניש פון טרערן,
קאָן דאָך קומען אַ טריקעניש אויף קלערן,
אויף דערמאָנען און אויף געדענקען —
און דאָס איז דאָך: אויפהערן מאָנען,
מוחל זיין, און אפשר אויך שענקען?

דאַן הייבט אינעם האַלדז אָן צו קנוילן.
עס וואַכן אויף ווידער די גרוילן.
עס טויכן אויף ווידער די פיינען —
און אָט ברויזט אַ פרישער קוואַל
פון טרערן — און כ׳הייב אָן צו וויינען.

שלאָפלאָז זענען מיינע נעכט

שלאָפלאָז זענען מיינע נעכט
זינט אומגעקומען ביסט, מיין קינד.
טרויעריק־שווער און שלעכט
מיין לעבן, וואָס שלעפּט זיך ווי אַ שווערע זינד.

עס מאַטערט און עס לאָזט נישט רוען
אי דיין טויט אי מיין לעבן.
אפשר וויייניק פאַר דיר געטוען ?
אפשר וויייניק שוין געגעבן ?

אפשר צו פיל נאָכגעטראַכט
צו פיל אויף נסים זיך פאַרלאָזן ? —
איידער די מויער מען האָט פאַרמאַכט.
געדאַרפט דאָס געטאָ צו פאַרלאָזן ?

אפשר וואָלטן מיר געפונען
מענטשן גוטע, וועלכע וואָלטן דיך באַהאַלטן ?
אפשר גאָר אין וואַלד אַנטרינען —
דאָרט אויסגעדויערט, אויסגעהאַלטן ?

דאָס האָב איך, קינד מיינס, נישט געטוען —
באַקום איך מיין פאַרדינטע שטראָף.
די טעג זיי לאָזן מיך נישט רוען.
די נעכט...
איך האָב פאַרגעסן וואָס ס'איז שלאָף.

אויגן

יעדער נאַכט, איידער כ׳ווער אַנטשלאָפֿן,
קומען מיר אויף מיין זינען
אויגן,
פון וועלכע איך קאָן נישט אַנטרינען.

זיי קומען
און פילן אָן מיין חדר,
דאַן גייען זיי אַוועק —
אַזוי נאַכט נאָך נאַכט כסדר.

אויגן, וואָס כ׳האָב געזען
אויף דעם לאַנגן וואַנדערוועג,
זיי קומען איצט מיר זיך דערמאָנען,
זיי קומען אָן צאָל, אָן אַ ברעג.

די ערשטע — אייגעלעך קליינע
פאַרחלשטע, פאַרשמאַכטע.
דאָס זענען אויגן פון קינדער
אין געטאָ אומגעבראַכטע.

די ריינע בליקן פרעגן:
פאַר וואָס ס׳איז זיי געקומען,
פאַרלאָזן זיי מיין חדר
אָן תשובה צו באַקומען.

דערנאָך די מאַמע־אויגן:
קינדער טריי דערצויגן,
און האָפענונג פאַרפלאָכטן —
איצט האָט מען זיי געשאָכטן.

זיי קומען אין מיין קאַמער
שטיל, קוים צו דערהערן.
איך קוק זיי אין די אויגן
און זע דאָרט בלוט שטאָט טרערן.

איצט שלייכן זיך און קומען
אויגן פיין־פאַרקלעמטע.
אויגן פול מיט טרויער,
תמימותדיק־פאַרשעמטע.

דאָס זענען יידן פרומע,
אַ נס פון גאָט געגאַרט.
פאַרשעמט אַוועק אין פייער —
דעם נס זיך נישט דערוואַרט.

און שפעטער זיך באַווייזן
אויגן גרויסע, באַנגע,
צניעותדיק באַזוימטע
מיט וויעס זיידן־לאַנגע.

פון יונגע שוועסטער מיינע,
פון פרייד און גליק געחלומט
און ס׳האָבן זיי די טמאים
באַגראָבן אין די טאָלן.

דאַן קומען אויגן זשעדנע,
פון הונגעריקע מענטשן,
און אויגן צאַרטע, מילדע,
וואָס ווילן רק נאָר בענטשן.

און אָט די אַלע אויגן
צעטראָטענע, צעדריקטע,
צעפּלאַצטע און פאַרברענטע,
צערונענע, דערשטיקטע.

און צווישן אַלע אויגן —
די גוטע פון מיין טאַטן.
איך האָב דערקענט זיי תיכף
אין טרויער־ליכט דעם מאַטן.

די פריינדלעך־ליבע בליקן
טרייסט אין זיך זיי טראָגן.
זיי גלעטן מיך און קושן
זיי צערטלען און זיי זאָגן :

שלאָף־איין, פאַרגעס דיין פּיין,
איך ווייס ווי זי איז גרויס. —
איך פאָלג אים און שלאָף איין,
ווי קינדווייז אין זיין שויס.

אַליין מיין חלום כ׳האָב באַגראָבן

װען נאָך לאַנגע װאַנדעריאָרן,
פון מלחמהדיקן גרויל,
צוריקגעקומען כ׳בין צום הויז,
װוּ מיין מאַמע האָט געװוינט,
װוּ דאָס לעצטע מאָל כ׳האָב זי
געקושט, געזעגנט זיך מיט איר,
בין איך ביים שװעל געבליבן שטיין —
אָן קראַפט צו עפענען די טיר.

עס האָט פאַרקלעמט אין מיר מיין האַרץ,
אַרומגענומען האָט אַן אימה :
װאָס װעל איך טרעפן דאָרט אַצינד ?
פון מאַמעס סידור בלויז אַ שיימע ?

איך װיים נישט, דאָך עס איז געשען :
איך האָב די טיר דאָך אויפגעפּראַלט,
אין מאַמעס חדר אַריינגעקוקט,
מיין האַרץ פון פרייד האָט אויפגעשטראַלט.

די מאַמעס שטוב, פונקט װי אַ מאָל.
עס שטייט נאָך דאָרט דעם טאַטנס שטול,
די טעפּ פון אירע צאַרטע בלומען.
די בלומען זענען אַװעקגעקומען

און איצטער וואַקסט אין טעפּ נאָר ווילדגראָז.
עס שטייט די שאַפקע, נאָר אָנעם גלאָז.

אין מיט פון שטוב — דער לאַנגער טיש,
נאָר אָן דעם טישטעך, הויל דאָס ברעט.
אויף רעכטס איך זע דאָרט ווו געשטאַנען,
שטייט אויך איצט מיין מאַמעס בעט.

בין איך צו אָט דעם בעט דער מאַמעס
צוגעפאַלן, אויפן קישן,
ווו עס האָט איר קאָפּ גערוט.
איך בין געוואָרן אויפגעציטערט
און אויפגעברויזט עס האָט מיין בלוט.

דאָ, ווו געוועזן ס׳איז איר געלעגער,
געכראָפּעט האָט דער קוילן־טרעגער,
מיכאַלקאָ כוליגאַן,
אין שטאָט דער גרעסטער יידן־שלעגער.
נעבן אים געשלאָפן איז
די ערגסטע זונה פון דער שטאָט.

— — — — — — — — — —

געטראָגן כ׳האָב אַ שיינעם חלום
און געקאָנט אים ווייטער טראָגן.
האָט זיך מיר פאַרבענקט די מאַמע
און מיין חלום כ׳האָב באַגראָבן.

צוועלף מיליאָנען

צוועלף קינדער האָט מיין מאַמע
אויף דער וועלט געבראַכט:
פיר יונגען, ווי דעמבעס סאַמע,
און ווי פּרינצעסינס־מיידן אַכט.

משה יוסף איז געווען דער בכור
און גערופן האָט ער זיך מיטעק.
דער צווייטער געווען איז פישעלע,
האָבן אַלע אים גערופן פיטעק.
דער דריטער איז געקומען חיים שייע,
וואָס געהייסן האָט ער גאָר העניעק
און דער ייִנגסטער, דער בנימינעק
אַנשטאָט לייב, האָט געהייסן לעניעק.

די עלטסטע פון די מיידלעך, יהודית,
האָט זיך גערופן יאַדזיאַ,
און די ייִנגסטע פון זיי, נחמהלע,
האָט געהייסן נאַדזיאַ.
צירל איז געווען צעלאַ,
חיה האָט געהייסן העלאַ.
באַלציע, פאַרשטייט זיך, בעלאַ
און פייגעלע איז געווען פעלאַ.

און געווען איז אויך אַ פּראַניע,
וואָס איר נאָמען איז גאָר פריידל —
דער מאַמעס ליבלינג, צאַרט און איידל.
און די שיינע, קלוגע, גוטע,
דעם טאַטענס ליבלינג־רותע.

האָט מיין מאַמע געקרעכצט פון טראָגן
פריער די קינדער, דערנאָך דעם יאָך
נאָר דער טאַטע פלעגט פריילעך זאָגן: ז ז ז
„צוועלף מיליאָנען" פאַרמאָג איך דאָך.

און אַלע צוועלף געווען געראָטן,
גאָט האָט יעדן אַ גאָב געגעבן.
און דער טאַטע מיט די מיליאָנען
האָט קוים געהאַט פון וואָס צו לעבן.

כ'האָב לאַנג דאָס נישט פאַרשטאַנען, טאַטע,
פאַר וואָס דו טוסט אַזוי זיך בלאָזן,
ביז אויסגעשאָכטן די מיליאָנען
מען האָט, וואָס דו האָסט מיר געלאָזן.

☆

מיין ברודער פישעלע ז״ל
צו זיין אָנדענק

כ׳בין געקומען צו דיין קבר
אויסוויינען אַ טרער,
און ניט געטראָפן מער ס׳בית־עולם
קיין סימן פון אים מער.

נישטאָ דיין קבר,
נישטאָ ס׳געביין.
נישטאָ קיין קדיש ווי צו זאָגן,
נישטאָ ווי שטעלן דיר אַ שטיין.

אַ פעלד פאַראַקערט איז פאַרבליבן
פון בית־הקברות פון אַ מאָל.
און אויפן פעלד אין חורבות רוען
דאָס מתים־שטיבל און די שול.

אין מיטן פעלד געבליבן שטיין
עס איז אַ ווערבע גאַנץ אַליין.
די קרוין געבויגן ביז דער ערד,
פאַרזונקען אין געוויין.

☆

מיין שוועסטער נחמהלע ז״ל
צו איר אָנדענק

די יינגסטע ביסט געווען,
צווישן מיינע שוועסטער אַכט.
ווי אַ טרייסט האָט דיך די מאַמע
אויף דער וועלט געבראַכט.

זעט אויס ס׳האָט דעמאָלט געוויטיקט
טאַטע-מאַמעס האַרץ, נשמה,
ביסט צו יענער צייט געקומען,
האָבן זיי אָנגערופן דיך : נחמה.

ווי אַ זונענשטראַל, מיזיניקל,
געווען ביסט דו אין שטוב,
האָט מען מער ווי אַלע צוועלף,
געהאַט דיך טאַקע ליב.

אויך דו, נחמהלע, מיין שוועסטער,
האָסט דעם טויט נישט אויסגעמיטן.
איך ווייס אַפילו נישט ווען און ווו,
זיי האָבן דיך פאַרשניטן.

ביסט אַוועק אין די עולמות,
קיין זכר פון דיר מער.
האָסט אַפילו נישט קיין קבר,
ווו כ׳זאָל אויסוויינען אַ טרער.

☆

מיין ברודער משה יאָסעלע ז״ל
צו זיין אָנדענק

אויך דיך, משה יאָסעלע,
האָבן זיי פאַרלענדט.
דיין גורל געווען ווי אַלעמענס,
טרעבלינקע, גאַז, פאַרברענט.

דו בכור, דער אויסדערוויילטער,
וואָס צום לעבן דער ערשטער ביסט געקומען,
איז די בכורה ביזן סוף געווען דיר אַ באַגלייטער —
און דעם ערשטן פון אונדז מען האָט דיך צום טויט גענומען.

ווי האָסטו דעם טויט דאָרט אויפגענומען
אין די מינוטן פון פאַרסמען?
געווען אַוודאי דיר שווער צו שטאַרבן,
ווען האָסט נישט געהאַט נעבן זיך די מאַמע?

ביסט דאָך געווען דאָס גאַנצע לעבן
אַזוי ציטערדיק, שוואַך און איידל.
צעפּיעשטשעט דורך דער מאַמע. שוין אַלט געווען
און נאָך געהאַלטן זיך ביי דער מאַמעס קליידל.

און אפשר, משה יאָסעלע,
האָסטו טרעבלינקע נישט געקאָנט דערלאַנגען,
און שוין אין וועג, פון פּיין און שרעק,
איז די נשמה דיינע אויסגעגאַנגען?

וואָלט איך כאָטש דעמאָלט געווען מיט דיר,
ביים גזר־דין דיינעם דעם האַרבן,
וואָלט אפשר לייכטער דיר געווען
צוזאַמען מיט מיר צו שטאַרבן.

איך וואָלט אפשר דיר, ווי די מאַמע,
אין די אָרעמס מיינע דיר שוץ געגעבן.
שווער געווען דיר אָן אונדז צו שטאַרבן,
שווערער איז מיר אָן דיר צו לעבן.

☆

מיין שוועסטער רות ז״ל
צו איר אָנדענק

דו שטייסט פאַר מיינע אויגן,
איך זע דיך אַזוי גוט.
ווי דו האָסט אויסגעזען
שוועסטער מיינע, רות.

מען האָט דיך ליב געהאַט,
שוין בלויז נאָר פאַר דיין נאָמען.
געווען ביסט אַ וווּנדער,
ווי פון מגילת רות גענומען.

און ווען ביסט גרויס געווען,
מיר האָבן פון דיר געשפּאַסט,
„ווען ברענגסטו, רות, דיין בועז,
אַ חתן אַהיים צו גאַסט ?״

און געקומען איז דער טאָג :
מיט דיין באַשערטן ביסט געקומען.
און טאַקע, ווי אין מגילת רות
איז בועז געווען זיין נאָמען.

און גליקלעך זענט איר געווען,
ווי אין דער מגילה ס׳איז געשריבן.
נאָר נישט אויף לאַנג, ווי דאָרט —
ביסט, רות, אַליין געבליבן.

אויך נישט אויף לאַנג געבליבן —
נאָך טרעבלינקע זיי האָבן דיך פאַרטריבן,
מיט דיין אורי, דעם זון דיינעם צוזאַמען,
און פאַרברענט אין קרעמאַטאָריע-פלאַמען.

דו שטייסט פאַר מיינע אויגן —
מיין צאַרטע שוועסטער, רות.
איך זע דיך, ווי אַ מאַדאָנע
אין אָרעאָל פון בלוט.

מיין מאַמעס מצבה־שטיין

ווען מיין מאַמע איז געשטאָרבן,
אין די עולמות אַוועק,
האָט איר טויט מיין פרייד פאַרדאָרבן,
פאַרכמורעט מיינע טעג.

שווער געוואָרן מיר דאָס לעבן
מיט זכרונות פון אַ מאָל.
שווער ס׳געמיט, וואָס געטראָגן
האָט אין זיך אַ טרער,

געמאַטערט מיך עס האָט דאָס וויסן
אַז שוין קיין מאָל,
אַז מיין מאַמען אין מיין לעבן,
כ׳וועל נישט זען מער.

דעם גרעסטן ווייטיק
פלעג איך טראָגן
צו מיין מאַמעס קבר,
ווען איך פלעג דאָרט קומען.

ער פלעגט שטענדיק
אַ מחשבה מיר אָניאָגן,
אַז ער האָט מיין מאַמע
ביי מיר צוגענומען.

ער האָט צעטרייסלט
אין מיר מיין רו,
און איך האָב צום קבר־שטיין
געהאַט אַ טענה:

ווען נישט דו שטיין,
וואָס דו דריקסט זי צו,
וואָלט די מאַמע אַוודאי
נאָך היינט געוועזן מיינע.

לאַנגע יאָרן צו מיין מאַמעס קבר
פלעג איך עולה־רגל זיין
און נישט געקאָנט קיין שלום מאַכן
מיט דעם מצבה־שטיין.

ווען נאָך מלחמה־יאָרן
געזוכט איך האָב מיין היים —
געפונען כ׳האָב דאָס בית־הקברות,
מיין מאַמעס קבר מיט דעם שטיין.

ווי אַ שומר איז ער דאָרט געשטאַנען
און מיין מאַמעס טויט געביין געהיטן.
ווי אַ פעלדז, איבער וועלכן שטורעמס שפּאַנען,
האָט ער אויסגעדויערט, דאָס צעשטערן אויסגעמיטן.

איך האָב צום שטיין זיך צוגעטוליעט
געגלעט, געבעטן אים מחילה,
און אין ווינט, וואָס האָט אַרום געהוליעט,
דעהערט איך האָב אַ שטים אַ שטילע :

אין דעם גרויסן אומגליק דיינעם,
דאַרפסט אין מיר איצט טרייסט געפינען.
דער חורבן נישט געלאָזט האָט קיינעם,
חוץ מיך — איך בין אַנטרינען.

געבליבן ביסטו אַליין.
מיר יתומען אין צווייען.
האָסט פיינט געהאַט אַ מאָל דעם שטיין,
דאַרפסט איצט מיט מיר זיך פרייען.

ביי די ברעגעס פון דער ווייסל

ביי די ברעגעס פון דער ווייסל
איז אַ שטאָט פאַראַנען.
טאַקע דאָרטן אין אַ הייזל
איז מיין וויג געשטאַנען.

דאָרטן זינגען פלעגט מיין מאַמע
לידער צניעותדיקע, פרומע,
וועגן צייטן שוין ניט ווייטע,
ווען משיח צו אונדז וועט קומען.

באַלד פאַרשווינדן וועט דאָס שלעכטע
פון דער וועלט דער בייזער
בלייבן וועט נאָר דאָס גערעכטע
און צדיקים בלויזע.

איך בין געוואַקסן מיט דעם גלויבן
פון די צניעותדיקע לידער,
אַז די וועלט האָט זיך דערהויבן
און אַלע מענטשן זענען ברידער.

נאָר משיח בלאָנקעט ערגעץ —
האָט דעם וועג צו אונדז פאַרלוירן.
ער זוכט אוודאי ביי דער גרענעץ
און דערגרייכט נישט צו די טויערן...

☆ ☆

ביי די ברעגעס פון דער ווייסל
איז אַ שטאָט פאַראַנען,
אַש און חורבות איז פאַרבליבן
פון מיין הויז, וואָס איז געשטאַנען,

ווו מיין צאַרטע, פרומע מאַמע
האָט געזונגען אירע לידער,
האָבן שכנים, גויים סאַמע,
אויסגעשאָכטן מיינע ברידער.

און משיח בלאָנקעט ערגעץ
און ער שלעפּט מיט זיך די גאולה,
און ווען אַריבער ער וועט די גרענעץ —
וועט זיין שוין חייב כולו.

אסיען

גאָר מיין לוין

וויג זיך, וואָרט מיינס, און צעוויג זיך,
ווי אין פעלד די זאַנגען.
זינג זיך, ניגון, און צעזינג זיך,
היל איין מיין וואָרט אין קלאַנגען.

באַהעפט זיך און זיך גיסט צוזאַמען.
פליסט, ווי וואַסערן פון קוואַלן.
שטורעמט מיט דעם ברויז פון ימען,
אַ מעכטיק ליד זאָלט איר צעשאַלן.

ווי ווינטן זאָלט איר זיך צעטראָגן
אַהין, ווו וועלט האָט אירע עקן,
צו מידע הערצער זיך דערשלאָגן,
און זיי צעוואַרעמען און וועקן.

און אויף מיין קאָפּ — אַ גרויע קרוין,
און פון דעם לעבן שוין אַ מידער —
איך וועל אַוועק מיט גאָר מיין לוין,
ווען זינגען וועט מען מיינע לידער.

ביימער טרערן

איינגעהילט אין שוואַרצן הימל.
וויגט דער וואַלד זיך אין זיין דרימל.
דער ווינט פייפט אויס אַ וויגליד־ניגון.
ער וויל דעם וואַלד אין שלאָף פאַרוויגן.

שטייט דער וואַלד אין שטילן דרימל.
לענט זיין קרוין אָן אינעם הימל.
דרימלט, און דער וויגליד־ניגון
קאָן צום שלאָף אים נישט פאַרוויגן.

נישט ער שלאָפט און נישט ער וואַכט.
דער וואַלד ער דרימלט אין דער נאַכט.
אין דרימל ברומט ער, עפּעס רעדט ער
דורך די צווייגן מיט די בלעטער.

הערסט אים וויינען, הערסט אים שרייען,
אַז דער ווינט זאָל אים באַפרייען,
אַז דער ווינט זאָל אים אויסלייזן
פון אַ קאָשמאַר־חלום בייזן.

זעסט דעם וואַלד, ווען ער דערוואַכט
נאָך אַ פינצטער לאַנגע נאַכט,
וועסטו זען אויך אין באַגינען
ווי פון ביימער טרערן רינען.

גלייב נישט דעם ווינט

זאָלסט קיין מאָל נישט גלייבן דעם ווינט,
אפילו ווען מילד ער איז ווי אַ קינד,
און אויך ווען ער צערטלט דיין הייסן שטערן,
גלייב נישט! —
דער ווינט טראָגט מיט זיך די צעשטערונג.

אפילו ער קומט אָן דעם וואַלד צו פאַרוויגן,
און פייפט אים צום שלאָפן אין שפּילט אים אַ ניגון —
אויף צווייגן, ווי אויף אַ פליט.
גלייב נישט, אַז רויק שלאָפט איצטער דער וואַלד.
נאָכן וויגליד דער שטורעם קאָן אָנקומען באַלד.
דאָס ליד איז פון שטורעם נישט ווייט.

חנעוודיק זעסט אים זיך לאַשטשען צו ימען,
מיט כוואַליעס ער פלעכט אַ טאַנץ צוזאַמען,
אין פעלד ער גלעט די גאָלדענע תבואה
אין שלווהדיק-שטילע שעהען פון שקיעה.
און פלוצלינג מיט בליץ אומגעריכטן,
ער קומט אָן דאָס אַלץ צו פאַרניכטן.

מיין מאַמעס מעשהלע

פון די קינדער־מעשיות אָן אַ צאָל,
וואָס די מאַמע פלעגט דערציילן מיר אַ מאָל,
צום ליבסטן כ׳האָב געהאַט צו הערן
די מעשה וועגן גורלדיקן שטערן.

און די מאַמע פלעגט אַזוי דערציילן:

— — — — — — — — — — — —

ווען געבוירן אַ מענטש דאַרף ווערן,
גרייט אים גאָט באַלד צו אַ שטערן,
וועמען ער האָט אָנפאַרטרויט,
דעם מענטשנס גורל ביז זיין טויט.

און אין דעם גורל, אין זיין דרינען,
האָט גאָט אַ גליקפונק איינגעשפונען,
וואָס דאַרף נאָר דעמאָלט מקוים ווערן,
ווען דער מענטש געפינט זיין שטערן.

אין טאָג פון מענטשס געבוירן,
עפנט דער הימל אויף זיינע טויערן
און מלאכים טראָגן אַרויס דעם שטערן,
נאָך איידער עס הייבט אָן טאָג ווערן,
און ווען די ערד ווערט באַדעקט מיט מאָרגנטוי,
הענגען זיי אים אַוועק אויף דעם הימלבלוי.

הענגט דער שטערן אויפן הימל,
צווישן שטערנדיק געווימל.
פינטלט, ווינקט און רופט פון אויבן.
— מענטש! טו צום הימל זיך דערהויבן.
זוך מיך! זוך ביז נישט אויפהערן,
ביז געפינען וועסט דיין שטערן.

און מיין מאַמע, זי האָט שטענדיק,
שטיל דאָס מעשהלע פאַרענדיקט
מיט אַ סודותדיקן שמייכל:

ווען קומען וועסט, קינד אַ מאָל צום שכל,
וועסט עלטער, גרעסער און קליגער ווערן,
אין הימל זוכן זאָלסט אויך דיין שטערן.
צו די הימלען ווענדן זאָלסט דיין בליק
און וועסט, קינד, געפינען דאָרט דיין גליק.

☆ ☆

דאָס גאַנצע לעבן אין הימלען כ'האָב געזוכט —
און געפונען דאָרט שטערן מיט פאַלשן ליכט.

קנאת־סופרים

קנאה איז מיר פרעמד געווען
שוין פון די ערשטע מיינע טעג,
און איך האַלט עס פאַר אַ שבח
נישט מקנא זיין קיין זאַך.

נישט פאַרמאָגט איך האָב קיין אייגנס
און געווען מיט דעם צופרידן.
אַ „שמח בחלקו" איך בין געווען,
ווי מען רופט דאָס אָן ביי יידן.

און דאָך, מגלה כ'בין מיין סוד.
איך טו עס איצט פאַר אייך בפרהסיא.
נישט איין מאָל ווי אַ קנאה האָט
מיין האַרץ און אינגעווייד געפרעסן.

און דאָס געשעט, ווען כ'האַלט אין האַנט
אַ בוך, אַ נייעם לידערבאַנד,
נאָר וואָס אויסגעפיקט, דערשינען —
און איך קאָן דאָס נישט פאַרגינען.

שיכור כ'ווער פון יעדן ליד,
מיט וועלכן ס'בוך איז מיך מהנה.

כ׳בענטש און לויב דעם דיכטערס האַנט,
וואָס האָט דאָס אַלץ צונויפגעקליבן,
נאָר אין מיין האַרץ, עס גריזשעט, גריזשעט,
און דעם דיכטער כ׳בין מקנא
פאַר וואָס נישט איך האָב זיי געשריבן.

קיין מאָל

וועז צווישן ווערטער
זוכן וועסטו אַ מאָל,
דאָס וואָרט, וואָס טראָגט אין זיך
דעם גרויל,
דאָס וואָרט, וואָס יאוש ברענגט
און ברעכט דעם גלויבן,
טאָ זוך נישט אָט דאָס וואָרט,
צווישן ווערטער־שפּיצן,
וואָס קומען אָן מיט שטורעם,
מיט דונער און מיט בליצן.

צווישן ווערטער שטילע,
דווקא, דווקא דאָרט,
זוך און וועסטו געפינען,
דאָס גרוילנדיקסטע וואָרט.

☆

באַשאַפן אַליין איך האָב מיר מיין גאָט
און צו געטלעכקייט כ׳האָב אים דערהויבן.
געטאָן תפילה צו אים, געזוכט זיין גנאָד,
און אַרום אים געשפּונען מיין גלויבן.

איז מיין וועלט געוואָרן
אָנגעזאַפּט מיט ריינקייט,
איז מיין לעבן פול געוואָרן
מיט שלווה און שיינקייט,
און כ׳האָב נישט אויפגעהערט
מיין גאָט דערפאַר צו לויבן
און פאַרטיפט צו אים
מיין ליבשאַפט, מיין גלויבן.

און ווען כ׳האָב געגלויבט,
אַז מיין גאָט וועט אַן אָנלען
אויף אייביק מיר ווערן,
איז מיין הימל פאַרזונקען
אין אַ חושך אַ שווערן,
ווייל מיין גאָט איז געוואָרן
פון זיין געטלעכקייט דער צעשטערער.

סיביר

אַך, דו טייגע פון סיביר,
שוין דער נאָמען דיינער שרעקט.
די זכרונות וועגן דיר,
אַ קאַלטן שוידער אין מיר וועקט.

עס וועקט אין מיר אַ גרויל דיין וואַלד,
דער אַלטער, פון בראשית-טעג.
געבליבן ביסט אי שטום, אי קאַלט,
מיט דיין קלאַנגיק-פאַרביקן פאַרמעג.

עס שטייגט אין מיר נאָך איצט דער צאָרן,
ווען איך דערמאָן זיך, ווי דו האָסט
מיט אַ שמייכל, זוניק-קלאָרן,
טויט געטראָגן מיט דיין פראָסט.

און דער צניעותדיקער שניי
וואָס געפינקלט אין דער נאַכט,
געדינט האָט די טייגע טריי
און ווייסן טויט האָט צוגעטראַכט.

לאַנג שוין כ׳בין פון דיר אַוועק
נאָר כ׳ווער פון פחד נאָך געטריבן.
נאָך דיר געבליבן איז מיר שרעק,
נאָך מיר — די קברים דיר פאַרבליבן.

✩

איך וועל שוין אויף אייביק אַ טרוימער פאַרבלייבן,
וואָס נאָר אין דעם חלום געפינט ער זיין רו.
ער זוכט און געפינט דאָרט זיין גאָט און זיין גלויבן,
וואָס קיין מאָל געפונען ער האָט אין זיין וואָר.

איך וועל אויך אַוודאי מיד קיין מאָל נישט ווערן
אין דער לופט מיינע גאָלדענע שלעסער צו בויען.
דער שטורעם און ווינט וועט נישט קאָנען צעשטערן
מיין וועלט, וואָס איך שפּין פון קרישטאָלן און טויען.

מיין ליד וועט אויך קיין מאָל נישט ווערן דערזינגען.
מיין אומעט און פרייד וועט געזאַנג נישט צעוויגן.
ווי נאָר ס'הייבט מיין ליד אָן זיך העכער צעקלינגען,
צעשווימט עס אין טענער פון נייעם שוין ניגון.

☆

מיט דעם אָדלער געוואָלט זיך פאַרמעסטן —
און געבליבן ווי אַ שוואַלב אינעם פלי.
אין הימלען געוואָלט בויען נעסטן —
און צו-נישט איז מיין אָנשטרענג און מי.

זיך פאַרמאָסטן מיט סאָלאָוויים געזאַנג,
אויך אים ס׳זאָל פאַרכישופן מיין ליד
און געזונגען איך האָב קוים אַ קלאַנג
פון מיין ליד מיט אַן אומעטיק געמיט.

זיך אָנגעגאַרטלט מיט חלומות-געוועב,
מיט בענקעניש, גלויבן, פאַרלאַנגען.
אויסגעשפרייט די פליגל צום שוועב —
און נישט געקאָנט דעם הימל דערלאַנגען.

צייטן פאַראַן

צייטן פאַראַן, ווען עס איז בעסער צו שווייגען
און לאָזן דאָס וואָרט אויף די ליפּן זאָל הענגען.
צייטן פאַראַן, ווען עס איז בעסער צו שווייגן,
ווייל אַ וואָרט ניט אין צייט קאָן וועלטן אומברענגען.

צייטן פאַראַן, ווען עס איז בעסער צו שווייגן
און לאָזן די שטילקייט אַליין נאָר צו רעדן.
דאָס לשון פון שטילקייט איז ווי פינקל פון שטערן,
וואָס קאָן נישט, ווי אַ וואָרט, הימלען צעשטערן.

צייטן פאַראַן, ווען עס איז בעסער צו שווייגן,
ווייל אַ וואָרט אויך אַ שטילס קאָן טראָגן פאַרברעכן.
אַ האַרציקער דריק, אַ וואַרעמער בליק,
וועט קיינעמס גאָט נישט פאַרשוועכן.

אַ שאָד

אַ שאָר די פליגל די אויסגעשפרייטע
אין דעם נישט דערפלויגענעם פאַרמעסט,
צווישן הימלען ווייטע און צעשפרייטע,
צום נישט דערגרייכטן אָדלערס געסט.

אַ שאָד די ווייטקייטן, די ימען
און דעם נישט דערלאַנגטן ברעג,
און דעם כישוף, וואָס האָט פאַרוואַנדלט
אין יום-טוב מיינע וואָכנטעג.

אַ שאָד די שטילקייט, וואָס פאַרשווונדן,
אַ שאָד די פאַרלוירענע מיינע רו.
דער גרעסטער שאָד, נישט צו איבערווינדן,
איז וואָס פאַרשווונדן ביסט אויך דו.

נישט אמת

זאָלסט נישט גלויבן, ווען ווען ווען הערן,
אז אַ אות פאַרמאָגט קיין טרערן,
און ווען מען וועט דיר זאָגן
אַז אַ וואָרט עס קאָן נישט קלאָגן.

דאָס איז נישט אמת!

איך האָב נישט איין מאָל, ביי מיין לייענען
אַליין געהערט, ווי ווערטער וויינען.
און ווען וועסט וועלן, גוטער לייענער,
וועסט הערן ווי אַ וואָרט קריצט די ציינער,
און ווי עס קרעכצט פון פיין און לייד,
און אויך לאַכן — אין אַ צייט פון פרייד.

זאָלסט נישט גלויבן, ווען ס׳זאָגט דיר יענער,
אַז קיין טרערן פאַרמאָגן טענער,
בלויז אַ קלאַנג, ווי עס זאָגט זיך,
גיט אַ הילך און גלייך צעטראָגט זיך.

דאָס איז נישט אמת!

איך האָב אַליין אין נעכט, פאַרטאָגן,
געהערט נישט איין מאָל אַ ניגון קלאָגן.
און ווען אָנשפּיצן וועסט דיין אויער,
אַליין וועסט הערן וויפל טרויער,
וויפל בענקשאַפט, טרייסט, אמונה,
פיבערט אוים דעם פידלס סטרונע,
ווי שטאַרק צעוויגט עס ווערט ס׳געמיט,
ביי טענער פון אַ טרויעריק ליד.

אָסיען

עס האָט דער׳ אָסיען זיך אַריינגעריסן
אין די שענסטע מיינע זומערטעג.
מיט אומעט אין מיין הויז זיך איינגעביסן
און וואָיעט מיט אַ בייזן „נישטאָ, אַוועק״.

וואָס וואָיעט איר אַזוי, איר בייזע רוחות
און נעמט אַוועק ביי מיר דאָס לעצטע ביסל רו?
זאָל דאָס אַן אָנזאָג זיין אין אייער שליחות,
אַז ס׳רוקט זיך אָן מיין גורלדיקע שעה?

נישט איר וועט גוזר זיין דעם גזר פון טויט און לעבן! —
און אויב דער בייזער וואָי איז דורכגעזאַפט מיט טרער,
ווענד איך צו אייך מיין תפילה, איר זאָלט געבן
שטראַלן נאָך אַ פּאָר, אַ פּאָר נאָר כאָטש, נישט מער!

ווער ביסטו?

כ׳וויס...

איך וואָלט וועלן זיך באַפרייען
פון כישוף פון דיינעם,
וועלכער פאַרשפינט מיך
אין אַ זיידן געוועב,
כ׳וואָלט אויפוואַכן וועלן
פון מיין חלום דעם שיינעם,
וואָס יאָרן פאַרבלענדט מיך,
אין וועלכן יאָרן איך שוועב.

כ׳ווייס, אַז פאַרגעסן דיך
כ׳וועל אוודאי שוין קיין מאָל
און ביז די טעג מיינע לעצטע
נאָך דיר בענקען איך וועל.
כ׳ווייס, אַז אין שלאָפלאָזע
נעכט ס׳ועט נישט איין מאָל
אַ נישט-דערשלונגענע טרער
מיך שטיקן אין קעל.

כ׳ווייס אַז מיך וועלן באַגלייטן
נאָך לאַנג-לאַנגע יאָרן,
דיינע אויגן די מילדע

מיט זייער לויטערן בלאָ
און דיין שמייכל, צוליב וועלכן
אויף אייביקע צייטן
צעשטערט איז געוואָרן
מיין רו.

כ׳וויים אָבער אויך
אַז צווישן יאוש און גלויבן
כ׳האָב מער דעם כוח
מיין לעבן צו טרייבן.
דיין זוניקער שמייכל
וועט מיין גלויבן דערהויבן,
כאָטש כ׳וויים, אַז אויף אייביק
אַ חלום וועסט בלייבן.

כסדר פאַרליבט זיין

כסדר פאַרליבט זיין
און אין הימלען נישט אויפהערן שוועבן.
כסדר צו זען אַלץ אין שיין,
וואָס באַשטראַלט אויך די שאָטנס פון לעבן.

דער טאָג, וואָס שטופּט אַ שעה נאָך אַ שעה,
ווי אַ שיף, וואָס דערלאַנגט שווער צום ברעג —
ווערט פול דאַן מיט הימלישן בלאָ
און שווימט, ווי אַ חלום אַוועק.

און מענטשן די בייזע, און חיות וואָס ברומען,
און פייגל האַלב-ווילדע, און שטעכיקע בלומען
באַצירן מיט חן דיין וואַרעמען בליק,
און אַלץ וואָלטסט געהאַלדזט אין אַ האַרציקן דריק.

און דעמאָלט — דער סוד פונעם אייביקן רוף,
דערגייט אָן אַן אויפהער צום דאָרשטיק געהער.
ער ברענגט אויף דאָס ניי דעם ציטער פון גוף,
פון פאַרבאָרגענעם יונגט-באַגער.

☆

ווי אַ פרילינגזון
דו צעוואַרעמסט דעם אַרום,
צעטייעסט קעלט מיט שמייכל,
ווי זון צעטייעט שניי.
און איך, איך בענק נאָך דיר
און זוך דיך אומעטום,
צו קאָנען, ווי מיט פרישער לופט,
אָטעמען־טיפער, ריינער, פריי.

ווער ביסטו?

ווער ביסטו?
און וואָסער כח איז אין דיר פאַראַן,
וואָס שמידט מיך צו צו זיך
און האַלט מיך אין כסדרדיקן שפּאַן?

ווער ביסטו,
אַז איך ווייס נישט ווי, ווען און וווּ
האָט דיין כישופדיקער רוף
צעשטערט און צוגערויבט ביי מיר די רו?

ביסט מיר געוואָרן אַ באַגלייטער,
צו יעדן מיין געדאַנק.
ביסט מיר געוואָרן דער ניגון,
פון יעדן מיין געזאַנג.

דו ביסט דער רייץ פון די באַגערן,
אין חלומות און אויף דער וואָר.
און דאָך־מיין ליד קענסט נישט דערהערן,
ווייל פרעמד ס׳איז דיר, און ווייט ביז גאָר.

אַ חלום ביסט מיר נאָר

האָסט צוויי אויגן, מיידל, בלויע,
וואָס אויך די ווייסלעך זענען בלוי,
און אַ פרישקייט אין זיי רוען
ווי פון פרימאָרגנדיקן טוי.

ווען אַ מאָל, אַ מאָל פון וויטן
שענקסט מיר דיינע בליקן צאַרטע,
שיינען אויף פון אַלע זייטן
זונען שמייכלדיק-צעשטראַלטע.

האָסט צוויי רייען, מיידל, ציינער,
וואָס ווי שנורן פערל שיינען.
ווען דו לאַכסט, בלענדט יעדער איינער
אַ וועלט מיט טויזנט ווייסע חנען.

ווען אַ מאָל, אַ מאָל, גאָר זעלטן,
שענקסט דעם פערל-שמייכל מיר,
זע איך זיך אין נייע וועלטן,
פול מיט בענקעניש צו דיר.

איך טראָג מיין חלום ווי אַ וואָר,
איך וויל דעם כישוף נישט פאַרטרייבן.
איך וויים — אַ חלום ביסט מיר נאָר —
אַ חלום וועסטו מיר פאַרבלייבן.

צי וועל איך דיך קאָנען פאַרגעסן?

כ׳ווייס, אַז פלוצלינג וועסטו פון מיר אַוועק
ווי פלוצלינג דו ביסט צו מיר געקומען.
ווי אַ חלום זיך באַוויזן דו האָסט אויף מיין וועג.
און ווי יעדער חלום, וועט ער צום סוף צעשווימען.

צי וועל איך אָבער, חלום, דיך קאָנען פאַרגעסן,
ווען אַריין שוין ביסטו צו מיר אין מיין בלוט?
ווען האָסט טיף אין מיר זיך איינגעגעסן,
איינגעזאַפט זיך אין מיין געמיט?

ווען האָסט אין מיין האַרץ זיך פאַרקליבן,
אין יעדן קעמערל ביסט אַריין,
און שוין אויף שטענדיק דאָרט פאַרבליבן
צו קעניגן דאָרט מיט דיין חנעוודיקן שיין?

ווען דיין אומרו האָט מיט מיינעם זיך פאַרבונדן,
צעוויגט אין מיר בענקשאַפטן און פאַרלאַנגען;
מיט דיין וווּנדערלעכער שפּראַך מיין דמיון אָנגעצונדן,
מיט דיין פראַכט און דיין צויבער מיך געפאַנגען?

דו וועסט אַוועק, אָבער קיין מאָל פון מיין זכרון,
ווייל אַריינגעזויגן דיך כ׳האָב אין מיין געמיט,
ווייל אין וואָר אַ חלום מיינער ביסט געוואָרן
ווייל געוואָרן ביסט דער ניגון פון מיין ליד.

☆

ביסט מיר אייגן, ביסט מיר נאָענט אַזוי,
ווי נאָענט איך בין צו זיך אַליין.
און דאָך, פרעמד איז מיר דיין מחשבה
און איר סוד כ׳וועל אַוודאי קיין מאָל נישט דערגיין.

ביסט מיר אייגן, ביסט מיר נאָענט אַזוי,
ווי וואָלטסט געניסטיקט אין מיין גוף.
און דאָך, ווייט ביסטו און דערגייסט צו מיר,
ווי פון ווייטן וואַלד — דער ווידעררוף.

ביסט פאַר מיר ווי די זון אין פרילינג,
וואָס צעוואַרעמט דאָס פאַרגליווערטע געמיט.
און דאָך, דו טראָגסט מיט זיך אַ קילקייט,
וואָס פאַרפרירט אין קעל מיין ליד.

איך גיי שיר אַראָפּ פונעם זינען —
איך זוך און איך פרוּוו דיך געפינען
צווישן ווייט און נאָענט, יאָ און ניין.
און דערווייל אויף מיין וועג, איך בלייב אַליין.

☆

דיין שווייגן רעדט הילכיקער צו מיר
ווי עס רעדן דיינע רייד.
דיין שווייגן טראָגט אין זיך אַ סוד,
וואָס האַלט פון דיר מיך פון דער ווייט.

דיין שווייגן זאָגט אַ סך, און דאָס,
וואָס אַ מענטש קאָן נישט דערזאָגן.
דיין שווייגן מאַכט מיך גלייבן אויך,
אַז כ׳וועל מיין חלום נאָך דעריאָגן.

ווי אַן אָנזאָג

ווי אַן אָנזאָג פון פרילינג
צו מיר ביסט געקומען,
נאָך פראָסטיקע טעג,
מיט פרילינג — גענאָד.

אין דיין וואַרעמען ווייע
מיין פריר איז צעשוווּמען.
צו מיר ביסט געקומען,
ווי אַ מתנה פון גאָט.

און דיין ווייע דער צאַרטער,
מיך צערטלט אַצינד.
ווי די דלאָניע מיין מאַמעס,
ווען געווען כ׳בין אַ קינד.

צו מיר ביסט געקומען,
ווי אַ שטראַל אין דער פרי,
וואָס קושט אוים די לעפלעך
פון חלומישן גלי.

נאָר איך ציטער און פיבער,
ווען ס׳נעמט אַרום מיך דיין אָרעם,
ווייל עס אומרויקט פחד,
אַז אויך פרילינג טראָגט שטורעם.

ד ו

זאָגן ווען מען „דו"
איז נישט קיין צופאַל־ענין,
נישט ס'פאַלט פון הימל צו
עס איז געבוי, אַ בנין.

אַ צעשטערער ווי אַ בויער
איז דאָס קליינע וואָרט.
צעשטערט די פרעמדקייט־מויער
און בויט ליבשאַפט אויף זיין אָרט.

אַ בנין, אַ געקנאָט
פון ברידערלעכן גענאָד,
פון נאָענטקייט און פריינדשאַפט
פון האַרצקייט און טריישאַפט,
פון נשמהדיקער ברייטקייט,
ביז קרבנות־גרייטקייט.

פון אָט די אַלע סודות,
וואַקסט אויף געטלעכע יסודות
אַ בנין, וואָס באַשיינט,
מיט וואַרעמקייט דיין פריינד
און נישט וויסנדיק ווי אַזוי און ווו
זינגט אוים דיין האַרץ דעם „דו".

און ווען איך זאָג דיר „דו"
איז דאָס נישט קיין צופאַל־ענין.
צעטרייסלט איז מיין רו,
פון האָפענונג — מיין בנין.

איך זאָג דיר טאַקע „דו"
שוין לאַנגע יאָרן פיר.
און דו? דו קלעפּסט אַלץ צו,
צום נאָמען מיינעם — „איר".

פול איז מיין כוס

אויב גלייכן וועסט בענקשאַפט צו טראָפּנס פון ווייַן,
וואָס טריפן אין האַרצן, ווי אין בעכער אַריין,
טאָ ווייס, אַז כ׳בין פול מיט שכורשן גלי,
וואָס באַפליגלט מיין האַרץ צו הימלישן פלי.

אויב בענקשאַפט קאָן פירן צום ראַנד פון דעם וועג,
ווי ווייַן קאָן דערפילן דעם כוס ביז צום ברעג,
טאָ ווייס, פון די שורות וועט יעטוועדער אות,
דערציילן דעם אמת, אַז פול איז מיין כוס.

דאָס איז דאָס הייזעלע...

דאָס איז דאָס הייזעלע,
דאָס איז די שטוב.
דאָ ווױנט דאָס מײדעלע,
וואָס איך האָב ליב.
דאָס איז דאָס טרעפּל,
וואָס פירט צו איר טיר.
פלאַטערט מײַן האַרץ
ווען כ׳קום נאָענט צו איר.

איך קום צו דער טיר
דורך בענקשאַפט געטריבן.
כ׳קום דערצײלן מײַן מײדל
ווי מײַן בענקשאַפט איז גרויס;
אַז פון אַלע חלומות
נאָר זי איז געבליבן
מײַן חלום דער שענסטער
דער אײנציקער בלויז.

איך קום צו דער טיר,
ווי אויף פליגל געטראָגן.
ווי אַ פויגל אַ פרײַער
אין זײַן זוניקן פלי.

איך קום צו מיין מיידל
מיין בשורה אָנזאָגן
אַז מיין נס און מיין
גליק — דאָס איז זי.

נאָר שטום איך בלייב שטיין
פאַר דער פאַרשלאָסענער טיר,
וואָס טיילט מיך פון מיידל
ווי מיט אַן אייביקער מויער.
ווייל ס'האַרץ פונעם מיידל
איז געשלאָסן פאַר מיר —
און איך גיי אַוועק
מיט מיין בענקשאַפט אין טרויער.

☆

דאָס האָסט דו מיין זון פֿאַרלאָשן
ווען אַ מאָל איך האָב געמיינט,
אַז נאָר פֿאַר מיר איר זוניק לשון,
אַז נאָר פֿאַר מיר אַליין זי שיינט.

דאָס האָסט דו אַ וואָלקן אָנגעטראָגן
און איינגעהילט מיין זון אין אַ טרויערדעק,
ווען אָן אַ שמייכל און אָן אַ וואָרט צו זאָגן,
דו ביסט פֿון מיר אַוועק.

דער צווייטער בראשית

איך טראָג אויף זיך אַ האָרב מיט יאָרן.
איך האָב אַ וועלט שוין דורכגעשפּאַנט,
כמעט אַ זקן שוין געוואָרן,
וואָס שטייט ביים סוף, ביים סאַמע ראַנד.

אַזוי פיל זונען אין קאַיאָרן.
אַזוי פיל זונען אין דער שקיעה.
געזויגן שיינקייט אַלע יאָרן,
ביז טעמפּ געוואָרן ס׳איז מיין ראיה.

און אין אָט די אַלע יאָרן
בין איך קיין מאָל מיד געוואָרן
אין די לייכטנדיקע זונען
אַ שטראַל אַן איינציקן געפינען,
וואָס נאָר מיר ער זאָל געהערן,
וואָס פאַר מיר אַ זון זאָל ווערן,
און מיינע וועגן זאָל באַשטראַלן,
און צעוואַרעמען די קוואַלן,
וואָס מאַכן יום־טובדיק ס׳געמיט
וואָס צעזינגען זאָל מיין ליד.

ביז געוואָרן איך בין מיד,
ביז געוואָרן איך בין גראָ,

ביז פֿאַרוויאַנעט ס'איז מיין ליד —
אַ שטראַל אַזעלכער איז גאָר דאָ?

נאָר פּלוצלינג, איצט, ביים ראַנד פֿון לעבן,
ווען כ'האָב מיין האָפֿנונג אויפֿגעגעבן,
האָט פֿאַר מיר זיך אומגעריכט
צעשטראַלט אַ קוואַליק ליכט.

איך האָב געזוכט באַשטראַלט צו ווערן
פֿון זון — און נישט דערבליקט די שטערן.
געגלייבט, אַז ליכט נאָר די זון פֿאַרמאָגט
און נישט — אַז ליכט אויך שטערן טראָגט.

און איצט, ביים ראַנד, ווען דאָס לעבן מיינס
אַראָפּ שוין גייט פֿון שליאַך דעם ברייטן,
האָט אַ שטערן מיך געשטעלט
פֿאַר אַ בראשית, פֿאַר אַ צווייטן.

☆

מיין זון קאַפּריזנע איז געווען צו מיר פון שטענדיק
און האָט קיין מאָל געשענקט מיר איר פולע שיין.
זי פלעגט זיך צעשמייכלען בליציק און פאַרבלענדיק —
און גלייך פאַרכמורען זיך און ברוגזדיק פאַרגיין.

און איך? אָן זון כ׳קאָן נישט חלומען און בענקען,
אַפילו ווען זי שפּילט זיך מיט מיין געמיט.
אָן איר קאַרגן שמייכל, וואָס זי טוט מיר שענקען
איך ווער פאַרוויאַנעט צוזאַמען מיט מיין ליד.

דער פֿאַרשפּילטער געוועט

צווישן אַלע שמייכלען, וואָס
געשענקט מיר האָט אַ יעדער איינער,
איז פון זיי קיין איינער
נישט געווען ווי דיינער.

און צו מיר האָט דיין שמייכל,
ווי מיט ווערטער גלייך גערעדט.
דרייסט און צניעותדיק גערופן,
ווי צו אַ קינדיש שפּילגעוועט.

קום און יאָג! דעריאָג און כאַפּ!
און אויב דיין האַנט מיך וועט דערלאַנגען,
וועל איך דיינע זיין —
אויף אייביק דיר באַלאַנגען.

איך האָב געיאָגט נאָך דיר און...
דעם געוועט כ׳האָב נישט געוווּנען,
ווייל דו ביסט כּישוף, און ווי כּישוף
דו ביסט כּסדר פון מיר אַנטרונען.

איך האָב פאַרשפּילט.
מיין האַנט האָט נישט געקאָנט דערלאַנגען
און איך האָב באַצאָלט מיט האַרץ,
וואָס איז געבליבן דורך דיר געפאַנגען.

מיין רו און מיין אומרו ביסטו

די שיינקייט פון הימל כ׳קען דעמאָלט פאַרשטיין,
ווען איך טו אין די אויגן דיינע דערזען
צוויי הימלען לויטערע, באַפאַרבטע מיט בלאָ.
עס פאַרשווינדט אַרום מיר דאָס ערדישע גראָ.
אַרום מיר אַלץ ווערט בלאָ. מיין הימל ביסטו.

די שיינקייט פון דער זון נאָר דעמאָלט כ׳פאַרשטיי,
ווען די שטראַליקע זונען, אויגן דיינע צוויי
טראָגן אַוועק מיך צו הימלען ערגעץ דאָרט ווו.
איך שוועב דאָרט און שוועב אין ווייטן אַוו.
און מיט מיר אויך מיין חלום. מיין חלום ביסטו.

די פראַכט פון דער שקיעה, כ׳קען דעמאָלט פאַרשטיין —
ווען כ׳קוק זיך אין די אויגן דיינע אַריין,
וואָס מיט מילדקייט זיי גלעטן און וויגן צו רו,
אויך מיך וויגט די שטילקייט פון שקיעה די שעה,
און אין מיר איז דאָ רו, מיין רו דאָס ביסטו.

און ווען כ׳וויל די שיינקייט פון ים באַנעמען,
זוך איך מיט ציטער צווישן צוויי דיינע ברעמען
טיפקייטן צו וועלכע ס׳איז אַ סוף גאָר נישטאָ.
איך געפין דאָרטן דיך, נאָר קיינמאָל ניט זיך
און פול כ׳ווער מיט אומרו. מיין אומרו ביסטו.

מיין גאָרטן

מיין גאָרטן

איך האָב אַ גאָרטן ביי מיין הויז.
אַ גערטנדל אַ קליינס.
פרייט מיין האַרץ זיך מיט דעם גאָרטן —
דאָס גערטנדל איז מיינס.

ווען כ׳האָב מיין הייזעלע באַקומען,
געווען אַרום איז הוילער זאַמד.
היינט טונקט עס זיך אין בלומען,
וואָס געפלאַנצט האָט זיי מיין האַנט.

די בלומען לייכטן מיט די פאַרבן
רויט און וויים, געל און ראָז.
די בלומען מיט מיין הויז און גאָרטן,
באָדן זיך אין גרינעם גראָז.

ווען די בלומען ווערן צייטיק,
באַציר איך אוים מיט זיי מיין שטוב,
דורך דעם גאָרטן מיט די בלומען
ווערט מיין הויז מיר היימיש, ליב.

די מויז און דער העלפאַנט

מיט פאַראַכטונג, נאָר עלעגאַנט,
זאָגט צו דער מויז דער העלפאַנט.

„פון גאָטס באַשאַפענע אַלע בריאות,
ביסטו מויז, אי עקלדיק, אי מיאוס.״

„גרויס איז דיין חכמה,
ווי אַליין דו ביסט גרויס״ —
ענטפערט אויך עלעגאַנט,
דעם העלפאַנט די מויז.

נאָך היינט איך איבערחזר
דיינע ווערטער גענוי,
ביים טרעפן מיין חברטע,
די פלוי.״

דער באַראַן דער קלוגער

עס האָט אַ באַראַן, דער וואָס גלייבט שטענדיק, אַז ער איז אַ קלוגער,
פאַרקנאַסט זיין באַראַניש טעכטערל מיט אַ גרויזאַם-ווילדן טיגער.
ווען דערהערט וועגן דעם עס האָט די משפּחה אָקסן און ציגן,
אָנגעהויבן האָבן זיי צו שרייען און מיט אים זיך שטאַרק צו קריגן:
„האָסט דיין שכל אין גאַנצן שוין פאַרלוירן, משוגענער דו איינער?
ער וועט זי דאָך צעפליקן, אַז בלייבן וועלן פון איר גאָלע ביינער!" —
דער באַראַן, דער וואָס גלייבט שטענדיק, אַז ער איז אַ קלוגער,
האָט געהערט, געשמייכלט און מיט ביטול געענטפערט, ווי אַ זיגער:
„פאַרלאָזט זיך, איך בעט אייך, אויף מיר, ברידערלעך איר מיינע.
זעט אויס, נישט דערשאַצט איר האָט מיין טעכטערל דאָס קליינע."

זאָל עס דיר קיין ווונדער נישט זיין

זאָל עס דיר קיין מאָל קיין ווונדער נישט זיין,
ווען דו זעסט, אַז אַ טרער מיין אויג האָט פאַרצויגן,
ווען דו זעסט, פאַרשיכורט איך ווער, ווי נאָך ווייַן,
ווען דורשטיק איך טרינק דעם בלוי פון דיינע אויגן.

זאָל עס דיר קיין מאָל קיין ווונדער נישט זיין,
ווען דו זעסט, אַז איך לעב אין אַ פאַרחלומטער וואָר,
אַז פאַרכישופט איך ווער פון דער ליכטיקער שיין,
וואָס באַשטראַלט, ווי מיט זון, דיינע גאָלד־בלאָנדע האָר.

און זאָל אויך נישט זיין דיר קיין מאָל קיין ווונדער,
ווען איך שליס מיינע אויגן, ווי כ׳וואָלט ווערן פאַרוויגן,
ווען דער קלאַנג און דער שימער פון דיין זילבערנעם קול,
הילט מיך איין און פאַרטוליעט אין אַ הימלישן ניגון.

און אַז ס׳וועט דיך דערגיין מיין שטילער געוויין,
זאָל עס דיך אויך דעמאָלט קיין ווונדער נישט זיין.
מיין הימל איז בלאָ, ווען כ׳גלייב אַז ביסט מיין,
ער בלייבט אָבער גראָ — ווייל כ׳בין איינזאַם, אַליין.

די באַלאַדע פון דער בת־מלכה

ווען אַ מאָל דו, בת־מלכה,
מיין באַשערטע וועסט ווערן,
אַליין איך וועל נייען
פון זייד דיינע בגדים.
פון בלוי פונעם הימל,
פון גאָלד פון די שטערן,
אַליין צו דעם זייד,
איך וועל שפינען דעם פאָדעם.

און ווען דו, בת־מלכה,
וועסט געהערן שוין מיר,
וועןביידע מיר וועלן,
זיין שוין צוזאַמען,
דיין האַלדז כ׳וועל באַצירן,
מיט פערל אַ שנור,
וואָס אַליין כ׳וועל זיי קלייבן
אין טיפקייט פון ימען.

און ווען דו, בת־מלכה,
מיין ווייב וועסט זיין שוין,
אַליין איך וועל אויסשמידן,
פון גאָלד דיר אַ קרוין,

מיט בריליאַנטן, וואָס פינקלען,
ווי הימלישע שטערן,
געפלאַסטערט פון אייגענע,
פריידיקע טרערן.

אויף אַ שפּיץ פון אַ באַרג,
פון העלפאַנטענעם ביין,
אַ שלאָס כ'וועל דיר בויען,
מיט טורעמלעך פיר.
און וווינען דאָרט וועלן,
מיר נאָר אַליין —
דו נאָר מיט מיר
און איך נאָר מיט דיר.

און דעמאָלט בת־מלכה,
בלויז מיר וועסט באַלאַנגען,
אויף שטענדיק, אויף שטענדיק,
אויף אייביקע טעג,
און איך וועל דיין קנעכט זיין,
דורך דיין שיינקייט געפאַנגען,
איך וועל קניען און קושן,
פון קלייד דיינס דעם ברעג.

אַ בשורה־טובה

אין יאַפּאַן, אין לאַנד פון זון און בלומען,
איז אַ יאַפּאַנערין צו איר מאַן אַ מאָל געקומען

און מיט אויגן פרומיקע,
און מיט ווערטער בלומיקע,
ווי נאָר יאַפּאַנער דאָס פאַרמאָגן,
אַ בשורה־טובה אים אָנזאָגן:

„טייערער, האַרציקער!
איך האָב דיר אַ בשורה אָנצוזאָגן,
נאָר כ'האָב קיין ווערטער פּאַסיקע,
ווי עס דיר צו זאָגן".

„שיין איז יעדעס וואָרט דיינס, טייבעלע.
איבערראַשט מיך מיט דיין בשורה, ווייבעלע."

„איך ווייס, אַז דו ווערסט, ליבער,
אַזוי ווי איך זיך פרייען.
אונדזער ליבעס־נעסט ווערט גרעסער —
און זיין מיר וועלן שוין אין דרייען."

„אָ גליק דו מיינם!
זאָל דאָס קומען שוין וואָס גיכער!
ביסטו אָבער, טייערינקע,
אין דער בשורה זיכער?"

„זיכער, זיכער! גיב אַ קוק!
פון דער מאַמע אַ בריוו באַקומען.
זע! אָט מאָרגן, גלייך פאַר טאָג,
אויף שטענדיק בלייבן וועט זי קומען.
און פריילעך וועט אונדז זיין און גוט,
ווען זיין מיר וועלן זאַלבעדריט".

די קרוינונג

חיות, פייגל און פיש פון ימען,
זענען צונויפגעקומען זיך צוזאַמען,
דורכצושמועסן זאַכלעך, שטיל, פּאַמעלעך,
ווער דאַרף ווערן ביי זיי דער מלך.

אָבער גלייך ביים אויסקלייבן דעם קייסער,
איז דער שטרייט געוואָרן גאָר אַ הייסער —
מיט געפּילדער, זידלעריי, געשרייען,
אַזוי, ווי להבדיל, ביי אונדזערע פּאַרטייען.

די זשיראַפע? פע! — שרייען אייניקע פאַרביסן!
זי האַלט דאָך דעם קאָפּ צו הויך פאַרריסן!
מען טאָר נישט האָבן אין איר קיין גלויבן,
ווייל זי קוקט אויף אַלעמען אַראָפּ פון אויבן.

די קו זאָל ביי אונדז אַ מושל ווערן?
אַ קו איז דאָך די אמתע „דאָקטרינערן"!
זי מעקעט כסדר ס'זעלבע, איז מעלה גרה —
צו רעדן וועגן איר איז אַן עבירה.

אַוועקזעצן אויף כסא המלכות אַ קראָ,
וואָס קראַקעט, שרעקט און נעמט צו די רו?
מיר דאַרפן קיין מושל קיין „פּעסימיסטן" —
די ממשלה פירן זאָל זי ביי די קאָמוניסטן!

ביי דעם פּאַפּוגיי,
געוואָרן איז דאָס אמתע געשריי:
איי! איי! איי!
אַ פּאַפּוגיי אויף דעם טראָן?
ווי טרויט מען אים אַ מלכות אָן,
אָן אַ וואָרט אַן אייגנס,
וואָס האָבן זאָל אַ ווערט,
בלויז איבערחזרן ער קאָן,
וואָס פון אַנדערע ער הערט.

ווען אויף דער גרינער זשאַבע
געקומען איז די ריי
איז פון אַלעמענס געלעכטער,
געוועזן איר אָך און וויי.
מיט געלעכטער האָט אַפילו
געזשומעט אויך די בין.
אויב שוין מלך ווערן קאָנסט,
טאָ נאָר איין מלך — אַ „מלך גרין",
און נישט אין אונדזער גאָרטן,
נאָר דאָרטן, ביי די קאָרטן.

אַזוי געקריגט זיך האָט,
דאָס בהמהיש — חיהש פאָלק.
געלאַכט, געזידלט זיך,
נישט געקומען צו אַ טאָלק,
ביז געגעבן ס׳האָט דער לייב
אַ בייזן ברום,
און דער אַרום
געוואָרן איז אין איין רגע שטום.

אַ ציטער איז אַדורך דורך אַלעמס ביינער,
נישט אָנגערופן מער עס האָט זיך קיינער.
און אָט אַזוי עס האָט אַ ברום אַ בייזער,
געקרוינט דער לייב פאַר קייסער.

צו יעווגעני יעווטושענקאָ

דיר, גרויס־נשמהדיקן דיכטער־רוס,
שיקט צוריק אַ דיכטער־ייד אַ גרוס
פאַר דיינעם, דעם דורכגעווייטיקטן אין צער,
געשיקט צו אונדז פון „באַבי יאַר".

דיין פערז, וואָס מאָנט דאָס וועלט־געוויסן,
האָט אויך צו אונדז זיך דורכגעריסן.
און פון פאַרשטומטן קבר אונדז דערטראָגן
אַכציק טויזנט פלאָגן, קלאָגן.

ניטאָ קיין טרייסט נאָך מיינע ברידער.
נאָר ווען דו קומסט מיט אַזעלכע לידער,
קומט אויך דער גלויבן, אַז עס וועט אויך קומען
מיין נביאס חלום פון אחרית הימים.

כרמל-באַרג

איך האָב ליב צו שטיין אין דיין צופוסן
און הויבן צו דיינע הויכקייטן מיין קאָפּ.
איך האָב ליב צו קוקן און צו געניסן
די פּראַכטן, וואָס קוקן באַרג צו מיר אַראָפּ

איך האָב ליב צו זען דיך באַרג באַגינען,
ווען נאָך איינגעוויגט דו ביסט אין דרימל.
צו זען דיך כרמל, ווען טוסט דערשינען
אין די ערשטע גרויקייטן פון הימל.

איך האָב ליב צו שטיין שעהן לאַנגע
און פאַרגאַפט צו דיינע שפּיצן קוקן.
און זען, ווי עס מאָלן זון-פאַרגאַנגען
בילדער אויף דיין באַרגיק-רוקן.

איך האָב ליב דעם צויבער פון דיינע בגדים,
וואָס טוישסט זיי באַרג כמעט יעדע שעה,
וואָס שפּינסט זיי פון פילפאַרביק פאָדעם
פון גאָלד מיט בלאָ, פון גרין מיט גראָ.

עס איז מיר גוט ביי דיין צופוסנס באַרג,
דו פעלזיקער, ווען קוקסט צו מיר פון אויבן,
איך פיל זיך נעבן דיר זיכערער און שטאַרק.
נעבן דיר ווער איך צו הויכקייטן דערהויבן.

ר״יך אמאל געווען

אוי, ווי רייך כ׳בין אַמאָל געווען!

אוי, ווי רייך כ׳בין אַמאָל געווען!
רייכער פון דעם רייכסטן רייכן.
און שטאָלץ געווען אויף מיין עשירות,
נישט געווען צו מיר קיין גלייכן.

געהאַט אַ טאַטע, געהאַט אַ מאַמע.
ברידער פיר און שוועסטער אַכט.
איצט שטעלט איך פאָר און טוט אַ טראַכט,
ווי אויסגעזען ס׳האָט ביי אונדז אַ סדר-נאַכט.

אַ מלכות פשוט. אַ מלך מיט אַ מלכה.
מיר בחורים-פרינצן, די מיידלעך ווי פרינצעסינס.
אָך, ווי שווער וועגן דעם דערמאָנען.
נאָך שווערער דאָס אַלץ צו פאַרגעסן.

און אַ שבועות ביי מיין טאַטן,
ביי דעם טיש דעם רייכן, זאַטן,
די שטוב באַצירט מיט גרינס, מיט בלומען.
אַזוי פיל פעטערס, מומעס פלעגן קומען.
מיט זיי קינדער און קינדס-קינדער.
יעדער איינס פון גאָט אַ וווּנדער.

און איצט די אַנדערע יום-טובים,
פול פלעגט זיין די שטוב מיט קרובים
און אַזוי פיל פריינד אין די שבת-טעג.
דאָס אַלץ געווען איז מיין פאַרמעג.

אין אַ פינצטער בייזער נאַכט,
האָט מען דאָס אַלץ אומגעבראַכט.
נאָך טרעבלינקע זיי פאַרטריבן.
אין האַרץ אַ ווייטיק נאָר פאַרבליבן.

אוי, ווי רייך כ'בין אַמאָל געווען
און היינט בין איך אָרעמער ווי אָרעם.
ניט פאַרבליבן ס'איז פון מיין עשירות,
אפילו נישט קיין קברים.

יאַנוש קאָרטשאַק

ווען כ'האָב געזען פירן דיך
אין די טעג פון אונדזער חורבן,
האָב איך דאַן באַנומען ערשט
די גרויסקייט פון דיין קרבן.

געווען איז דאָס דיין לעצטער וועג,
און דו, דו האָסט געוווסט פון דעם.
כ'האָב ביי דיר געזוכט אַפונק פון שרעק
און ניט דערזען אַ ציטער פון דיין ברעם.

אויף דער רעכטער, געטראָגן האָסט דאָס יונגסטע,
וואָס גיין, עס האָט קוים געקאָנט אַליין.
מיט דער לינקער, האָסטו פּאַטערלעך געצערטלט
די קעפּלעך פון יתומימלעך אַ צען.

פּאָר, און אויבעט הינטער דיר
אין רייען, אַזוי אין צווייען,
די עלטערע, די גרעסערע
אין לעצטן וועג זיי גייען.

האָסטו זיי אויך דאַן דערציילט
דיינע מעשהלעך די צוגעטראַכטע,
ווייל די פּנימלעך ביי זיי געווען
אַזוי צעשטראַלטע און צעלאַכטע?

איך האָב געוויינט, און מיין פאַרוויינטער בליק
באַגלייט האָט אייך מיט אויסטערלישער ברכה:
אויב ניט געווען באַשערט אייך אין לעבן האָבן גליק,
זאָל כאָטש דער טויט אייך ברענגען די מנוחה.

אַ שטאָלצער ייד געווען ביסט, קאָרטשאַק
דיין שטאָלץ דערנידעריקט האָט תלינים.
דערהויבן האָסט זיך צום העלד פון געטאָ,
געגעבן האָסט דער וועלט אַ פּאַטש אין פּנים.

מיט טאַטנס ברכה אינעם גלות-וועג

זיי געזונט זון דו מיינער,
און דער אין הימל זאָל באַגלייטן דיך אין דיין נייעם גלות-וועג!
זיי מיר מוחל וואָס איך, דיין טאַטע,
קען קיין שוץ דיר ניט זיין אין די שווערע גורלדיקע טעג.

איך וואָלט טאַקע ניט געוואָלט
אַז דווקא איצט זאָלן מיר זיך שיידן,
נאָר ווען דער גורל פירט אַזוי —
איז דאָס בעסער אפשר פאַר אונדז ביידן?

טאָ נעם מיין ברכה אויף דיין וועג,
מער האָב איך דיר ניט וואָס צו געבן...
קען זיין, דאָס איז מיין לעצטע ברכה
וואָס איך גיב דיר, קינד מיינס, אין מיין לעבן.

דער טאַטע האָט מיך אַרומגענומען,
זיינע פינגער געצערטלט האָבן מיינע האָר;
מיט אַ איכה-ניגון געבענטשט מיך מיט זיין ברכה.
אַזוי האַרציק בענטשן — קען אַ טאַטע נאָר.

פאַרשוויגן זיינען די ווערטער פון זיין ברכה,
און אַ תפילה האָט זיינע ליפּן נאָך לאַנג באַוויגן.
איך האָב דאָס לעצטע מאָל אַ קוש געטאָן מיין טאַטנס שטערן
און צום ערשטן מאָל דערזען טרערן אין זיינע אויגן.

ווייל געווען דו ביסט אַ יידיש הויז...

אויך דיך מיין שטוב האָט דער שטורעם ניט געשוינט
אין די טעג פון אונדזער חורבן.
גענוג געווען אַז אַ ייד האָט דיך באַוווינט
און שוין געוואָרן ביסט אַ קרבן.

איך בין פון דיר אַוועק אין די בהלה-טעג,
אָן אַ זיי געזונד, געלאָזט דיך גאַנץ אַליין.
און ווען צוריקגעקומען כ׳בין צום אַלטן ברעג
ניט געטראָפן כ׳האָב אַ שטיין אויף אַ שטיין.

וווּ געשטאַנען ביסט אַמאָל,
געבליבן זענען חורבות און סקעלעטן.
שטיקלעך גלאָז און שטיקער ברעטער
פון ניט לאַנג געוועזענע מיינע בעטן.

אַ פּאָר בלעטער פון מיינע ביכער,
זענען נאָך דאָרט געלעגן.
פאַרשמוציקטע, צעטראָטענע,
דורכגענעצטע פון דעם רעגן.

בלעטלעך שמץ פון מיין סדור,
זענען אויך נאָך דאָרט פאַרבליבן
און דער ווינט האָט די הייליקייטן
אין אַ ווילדן טאַנץ געטריבן.

פון מרחקים צוריקגעקומען
און דיין אָרט געפונען קוים.
שטיי איך אויף אַ בית-הקברות.
ווי באַגראָבן ס׳ליגט מיין טרוים.

גרויס געווען עס איז דער חורבן
און נאָך מער, צו אונדז, די שנאה גרויס.
אויך דו געפאַלן ביסט אַ קרבן,
ווייל געווען דו ביסט אַ יידיש הויז.

אינהאַלט

וווּ, ווען און ווי אַזוי? 7
קדיש 8
איך בין מוחל דיר דיין מתנה 9
מיין גישט - געטרייסטער טרויער 10
די פאַרוויאַנעטע בלום — מיין קינד 11
דער צעקרימטער סדר 12
קאָשמאַרן 13
☆ 15
קינס שאַנדפלעק 16
חלומות בייזע 19
וואַרשע, שטאָט פון מיין געבוירן 20
א חלום 21
פון טרערן וועבן כ׳וועל אַ תפילה 23
אין די טעג פון טרערן-טריקעניש 24
שלאָפלאָז זענען מיינע נעכט 25
אויגן 26
אַליין מיין חלום איך האָב באַגראָבן 29
צוועלף מיליאָנען 31
☆ 33
☆ 34
☆ 35
☆ 37
מיין מאַמעס מצבה - שטיין 39
ביי די ברעגעס פון דער ווייסל 42
גאָר מיין לוין 47
ביימער - טרערן 48
גלייב גישט דעם ווינט 49
מיין מאַמעס מעשהלע 50
קנאת סופרים 52
קיין מאָל 54

☆ 55

ס י ב י ר 56

☆ 57

☆ 58

צייטן פאַראַן 59

אַ ש אָ ד 60

נישט אמת 61

אָ ס י ע ן 63

כ׳ ו ו י י ס 67

כסדר פאַרליבט זיין 69

☆ 70

ווער ביסטו ? 71

אַ חלום ביסט מיר נאָר 72

צי וועל איך דיך קענען פאַרגעסן 73

☆ 74

☆ 75

ווי אַ אָנזאָג 76

ד ו 77

פול איז מיין כוס 79

דאָס איז דאָס הייזעלע 80

☆ 82

דער צווייטער בראשית 8.3

☆ 85

דער פאַרשפּילטער געוועט 86

מיין רו און מיין אומרו ביסטו 88

מיין גאָרטן 91

די מויז און דער העלפאַנט 92

דער באַראַן דער קלוגער 93

זאָל עס דיר קיין וווּנדער נישט זיין 94

די באַלאַדע פון דער בת־מלכה 95

אַ בשורה - טובה 97

די קרוינונג 99

צו יעווגעני יעווטושענקאָ 102

כרמל - באַרג 103

אוי, ווי רייך כ׳בין אַמאָל געווען ! 107

יאַנוש קאָרטשאַק 109

מיט טאַטנס ברכה אינעם גלות־וועג 111

ווייל געווען דו ביסט אַ יידיש הויז 112